ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳

## לך לך

שנת תשע"א

**ואגדלה שמך פרש"י הריני מוסיף אות על שמך:**

דער **עבודת ישראל** זאגט א דבר נפלא: רש"י זאגט אז ווען השי"ת האט גערופן **אברם אברהם** האט מען נישט גערירט די ר׳ פון זיין נאמען, ווייל ביי **שרי** האט די י׳ געהאט טענות פארוואס מ'האט איר אוועקגענומען, און מ'האט דאס געמוזט באצאלן פאר **יהושע בן נון**, דעריבער האט דער אייבערשטער נישט געוואלט טשעפענען אויך מיטן אות ר׳.

איי פארוואס האט מען נישט געקענט טון די זעלבע מיטן ר׳ און דאס באצאלן ביי א צווייטע צדיק? ווייל דער אריה"ק זאגט אז אין פסוק שטייט **ואת לוט ואת ר'כושו ב'ן א'חי אברם**, איז ר"ת **רב"א**, ווייל די נשמה פון **רב"א** איז געווען אין לוט, און זי איז געווען געפאנגען ביי די מלכים, און אברהם האט איר פון דארט מציל געווען.

זאגט דער **קאזניצער מגיד** זי"ע אז וועגן דעם האט מען געלאזט דעם ר׳ ביי **אברהם**, אז אין זיינע ערשטע דריי אותיות פון זיין נאמען זאל זיין מרומז **רב"א**.

*

**אמרו נא אחותי את מכאן ששוחטין לחולה בשבת, והיא פליאה:**

דער **רבי יונתן אייבשיץ** זי"ע זאגט א הערליכן פשט, ווייל די מפרשים פרעגן, פארוואס האט אברהם אבינו אזוי שטארק מורא געהאט אז אויב די מצרים וועלן געוואויר ווערן אז דאס איז זיין ווייב וועט מען אים הרג'ענען, אויב וועסטו זאגן אז זיי האבן א פראבלעם צו נעמען אן אשת איש, פארוואס זאלן זיי נישט האבן קיין פראבלעם אים צו הרג'ענען, וואס דאס איז שפיכת דמים?

נאר דער **ר"ן** (יומא פ"ג ע"ט, במשנה מי שאחזו בולמוס) ברענגט אז מ'האט אנגעפרעגט דעם ראב"ד אויב עס איז דא א חולה שיש בו סכנה אום שבת, און דער דאקטער הייסט אז ער מוז עסן פלייש, און עס איז נישטא קיין כשר'ע פלייש אים צו געבן, וואס איז ענדערש, צי זאל מען אים געבן טריפה פלייש צו עסן, צי מ'זאל הייסן פאר א איד זאל גיין שחט'ן פארן חולה כשר'ע פלייש. שרייבט דער **ראב"ד** אז מ'זאל ענדערש רופן א שוחט וואס זאל שחט'ן כשר'ס ווי מ'זאל אים געבן נבילה. איז דער **ר"ן** מסביר דעם טעם ווייל ווען ער עסט נבילה איז ער עובר אויף יעדע כזית א עקסטערע עבירה, משא"כ אויב מ'האט גע'שחט'ן איז מען נאר חייב איין עבירה.

די זעלבע זאך קען זיין דא, אז אברהם האט מורא געהאט אז מ'וועט אים הרג'ענען, איי עס איז שפיכת דמים, האט ער געקלערט די סברא אז פון שפ"ד האבן זיי נישט אזוי שטארק מורא ווייל מ'איז עובר נאר איינמאל, משא"כ עריות איז מען עובר יעדעס מאל עקסטער.

דאס זאגט דער מדרש **אמרי נא אחותי את** זעהן מיר פון דעם אז אברהם האט מורא געהאט אז מ'וועט אים הרג'ענען, פארוואס האט ער מורא געהאט מ'וועט אים הרג'ענען, שפיכת דמים איז דאך די זעלבע עבירה ווי אשת איש, אלא מאי איז דא א חילוק צווישן ווען מ'איז עובר איינמאל צי ווען מ'איז עובר מערערע מאל, **מכאן ששוחטין לחולה בשבת**, אז מ'מעג שחט'ן פאר א חולה אום שבת פאר די זעלבע סיבה.

*

**אנכי מגן לך שכרך הרבה מאד:**

דער הייליגער **רבי ר׳ אלימלך** זי"ע טייטשט לויט דעם וואס די גמרא זאגט (סוטה כ"א ע"א) אז תורה באשיצט א מענטש אייביג, סיי ווען ער לערנט תורה סיי ווען ער לערנט נישט תורה, מצוות באשיצט נאר א מענטש ווען מ'איז מקיים די מצוה. קומט אויס אז ווען מ'לערנט איינמאל תורה איז מען שוין באשיצט אויף אייביג, און ווען מ'לערנט א צווייטע מאל דארף מען דאס שוין נישט האבן אז דאס זאל באשיצן אויף אים, ממילא קען מען באקומען שכר פאר די תורה.

דאס זאגט דער פסוק **אנכי**, דאס איז א רמז אויף די תורה הק׳, **מגן לך**, דאס טוט באשיצן אויף אייביג, וועגן דעם איז **שכרך הרבה מאד**, אז מ'קען באקומען שכר פאר יעדן לערנען עקסטער.

### דינען השי"ת מיט גשמיות

דער הייליגער **ייטב לב** זי"ע האט נאכגעזאגט בשם זיין פעטער דער **ארי׳ דבי עילאה** זי"ע, לויט דעם וואס שטייט אין שו"ע (או"ח סי׳ רל"א) אז א מענטש דארף זעהן אז אלעס וואס ער טוט זאל זיין לשם שמים, אפילו דברים של רשות, ווי עסן, שלאפן, זאל ער אינזינען האבן אז ער טוט דאס כדי צו קענען דינען דעם רבש"ע ווי עס דארף צו זיין.

דאס זאגט דער פסוק **ומלכי צדק מלך שלם הוציא**, ער האט אויסגעלערנט דעם דרך אין עבודת אין עבודת ה׳ פון **לחם ויין**, אז אפילו ווען מ'איז עוסק אין לחם ויין, **והוא כהן לקל עליון** קען מען עוסק זיין אין עבודת השם.

דאס האט ער ווייטער געזאגט **ברוך אברם לקל עליון קונה שמים וארץ**, שמים ווייזט אויף רוחניות, און ארץ אויף גשמית, ווייל א ערליכער איד דארף קענען מקשר זיין מיטן גשמיות צו דינעז השי"ת.

# אוצר הידיעות

## עשרה נסיונות של אברהם אבינו ע"ה

די משנה זאגט אין אבות (פרק ה') **עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ע"ה ועמד בכולם, להודיע כמה חיבתו של אברהם אבינו עליו השלום.** ווען מיר יעצט לערנען די 10 נסיונות מיט וואס אברהם אבינו איז געפרובט געווארן.

**דער ערשטער נסיון:** איז געווען אין אור כשדים, דער גרויסער צער וואס ער האט געהאט בשעת דער רשע נמרוד האט אים אריינגעווארפן אין קאלעך אויבן.

**דער צווייטער נסיון:** איז געווען ווען השי"ת האט אים געזאגט לך לך מארצך וממולדתך, וואס דאס איז א גרויסער צער פאר א מענטש איבערצולאזן זיין הויז און זיין משפחה מיט גוטע פריינד, בפרט ווען השי"ת האט אים ניטאמאל געזאגט צו וועלכע לאנד ער דארף גיין.

**דער דריטער נסיון:** איז געווען דער הונגער אין ארץ כנען, ווען אין די גאנצע וועלט איז דא צו עסן אויסער אין ארץ כנען, פונדעסטוועגן איז אברהם נישט צוריק געגאנגען צו זיין טאטנ'ס הויז קעגן דעם רצון ה', נאר ער איז געגאנגען קיין מצרים.

**דער פערטער נסיון:** איז געווען ווען אנקומענדיג קיין מצרים האט מען אוועקגענומען שרי צו פרעה, און ער האט זיך נישט אפגערעדט דערויף.

**דער פינפטער נסיון:** איז געווען ווען אלע קעניגן האבן זיך צוזאמענגענומען קעגן אים צו א מלחמה, און זיי האבן געזאגט לאמיר אנהייבן מיט לוט, און אברהם וועט זיך אוודאי קומען אננעמען פאר אים, און דעמאלטס וועלן מיר קענען הרג'ענען אברהם ח"ו. אברהם אבינו האט טאקע מלחמה געהאלטן מיט זיי וואס דאס האט אים צוגעברענגט א גרויס צער אז ער האט געדארפט הרג'ענען מענטשן.

**דער זעקסטער נסיון:** איז געווען ווען הקב"ה האט אים געוויזן ביים ברית בין הבתרים אלע צרות און גליות וואס אידישע קינדער וועלן ליידן, און ער האט געברויכט אויסוועלן וואס ער וויל ענדערש, גלות אדער גהנם.

**דער זיבעטער נסיון:** איז געווען ווען דער אייבירשטער האט אים געהייסן זיך מל זיין ביי די 99 יאר, און זיין צער איז געווען זייער גרויס.

**דער אכטער נסיון:** איז געווען ווען אבימלך מלך פלשתים האט אוועקגענומען שרה.

**דער נייַנטער נסיון:** איז געווען ווען שרה האט געזען אז ישמעאל וויל הרג'ענען יצחק, האט זי געהייסן אז אברהם זאל פארטרייבן הגר מיט ישמעאל פון זיין שטוב, און השי"ת האט געזאגט "כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה", אברהם האט געהאט זייער א גרויסע צער צו פארשיקן זיין קינד פון שטוב.

**דער צענטער נסיון:** איז געווען ביי די עקידה, ווען דער אייבערשטער האט אים געהייסן מקריב זיין פאר א קרבן יצחק, וואס ער האט געבוירן ביי די 100 יאר.

# מאוצר רבותינו

## מלכי צדק מלך שלם

**הגה"ק רבי שלמה קלוגער זצ"ל** איז אמאל געווען ביי **הרה"ק רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע**, און זיי האבן צווישן זיך געשמועסט א לענגערע צייט אין עניני תורה ועבודת השם.

ווען זיי האבן זיך געזעגנט האבן די חסידים געפרעגט זייער רבי'ן **רבי מאיר'ל** צי זיי קענען וויסן וואס עס איז געווען דער שמועס צווישן זיי.

האט **רבי מאיר'ל** געענטפערט "עס שטייט אין די תורה, **ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין והוא כהן לקל עליון**". לכאורה וואלט געדארפט שטיין פארקערט "ומלכי צדק מלך שלם כהן לקל עליון הוא הוציא לחם ויין".

נאר די גמרא זאגט (נדרים ל"ב ע"ב) אז **מלכי צדק** איז **שם בן נח**, וועלכער האט געהאט א בית המדרש אין ירושלים, וואס פון דארט איז ארויסגעקומען תורה ויראה פאר די גאנצע וועלט, און ער איז געווען דער עמוד התורה בדורו.

**אברהם אבינו** איז דאך געווען דער עמוד החסד בדורו, ער האט כסדר עוסק געווען אין הכנסת אורחים און גמילות חסדים וואס דורכדעם האט ער מקרב געווען אידישע קינדער תחת כנפי השכינה. ווען אברהם אבינו האט זיך באגעגענט מיט שם האבןביידע צדיקים געלערנט פארן צווייטן זיין דרך אין עבודת השם.

דאס זאגט דער פסוק: **ומלכי צדק מלך שלם**, שם בן נח דער עמוד התורה, **הוציא**, ער האט ארויסגעלערנט פון אברהם אבינו, **לחם** ויין, ווי אזוי מ'איז מקיים הכנסת אורחים און מ'טוט גמילות חסדים מיט מענטשן. **והוא**, און אברהם אבינו האט ארויסגעלערנט פון שם, **כהן לקל עליון**, ווי אזוי מ'דינט דעם אייבערשטן מיטן כח התורה.

די חסידים האבן פארשטאנען פון דעם תירוץ אז זייער **רבי ר' מאיר'ל** איז דער עמוד החסד בדורו, און **רבי שלמה קלוגער** איז דער עמוד התורה, האבן יעצט אויסגעארבעט און געלערנט איינער מיטן צווייטן זיינע מידות.

# יגעת ומצאת

די וואָך וועל מיר לערנען די "יגעת ומצאת" איבער עטליכע באַרימטע צדיקים וואָס זייער יאָרצייט איז אויסגעפאַלן איבער די לעצטע וואָכן:

ווען איז די יארצייט? ווער איז געווען דער טאטע? פון וועמען איז ער געווען א תלמיד? ווי האט ער געוואוינט? משמש ברבנות געווען? בעל מחבר ספר?

**הרה"ק ר' אלעזר ניסן טייטלבוים זי"ע - הרה"ק ר' אברהם המלאך זי"ע - הרה"ק המגיד מקאזניץ זי"ע - הרה"ק ר' נחמן מברעסלב זי"ע - הרה"ק רבי יעקב יוסף מפולנאה זי"ע - הרה"ק ר' לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע - הרה"ק רבינו משה סופר זי"ע - הרה"ק רבי ישראל מריזין זי"ע**

## ראשי תיבות

ווי אזוי מאַבט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות א')....

**אאע"ה – אא"כ – אכי"ר – אחז"ל – אע"ג – אע"פ – אי"ה – אחב"י – אה"נ – אצ"ל**

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פרשת נח

**אדם הראשון נפטר <u>תתק"ל</u> (930).**

**מתושלח נולד <u>תרפ"ז</u> (687) נפטר <u>א' תרנ"ו</u> (1656).**

**שם נולד <u>א' תקנ"ח</u> (1558) נפטר <u>ב' קנ"ח</u> (2158).**

**יעקב אבינו נולד <u>ב' ק"ח</u> (2108) נפטר <u>ב' רנ"ה</u> (2255).**

**עמרם נולד <u>ב' ר"נ</u> (2250) נפטר <u>ב' שפ"ז</u> (2387).**

**אחיה השילוני נולד <u>ב' ש"פ</u> (2380).**

**אחיה למד תורה עם <u>בעש"ט הק' זי"ע</u>** (תולדות יעקב יוסף פר' בלק)

## שבע מצות בני נח

**א.** אבר מן החי **ב.** ברכת ה' **ג.** גזל **ד.** דינים **ה.** רציחה **ו.** עבודה זרה **ז.** זנות